בס"ד. שיחת ש"פ חוקת, ב׳ תמוז, ה׳תשמ"א.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

א. מען האלט איצטער אין דעם טאג וואס איז צווישן ר"ח תמוז און ג׳ תמוז,

וואס כמדובר באם פריערדיקן פארברענגען[1], בר"ח תמוז, ביום ב׳ דר"ח, אדער ביום א׳ (ווי מ׳האט מעיר געווען בזה[2]) - איז געווען די גאולה פון דעם בעל המאסר והגאולה, וואס מצדם האט מען אים דעמולט באפרייט פון בית האסורים כפשוטו, אז אויב ער וויל קען ער פון דארט אוועקגיין, ס׳איז מערניט וואס מצדו האט ער דעמולט ניט געוואלט אוועקגיין, אלס אן ענין פון מס"נ אויף אידישקייט[3],

און דערנאך ביום ג׳ תמוז איז ער ארויס פון בית האסורים לפועל, על מנת צו פארן לעיר מקלטו, קאסטראמא.

וואס אע"פ אז דעמולט איז נאך ניט געווען דער גמר הגאולה - איז דאס אבער אויך געווען אן ענין של גאולה, ס׳איז נאר וואס דער סדר פון גאולתו איז געווען צוביסלאך[4],

ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו גאולתן של ישראל, ווי עס שטייט אין ירושלמי ברכות[5], אז "גאולתן של ישראל" איז "כאיילת השחר", "קימעא קימעא"[6]:

פריער, בר"ח תמוז, איז ער ארויס פון בית האסורים כפשוטו, פון "שפאליערנע", אבער על מנת אויף פארן לעיר מקלטו, קאסטראמא, על משך שלש שנים, דערנאך איז ער באפרייט געווארן פון קאסטראמא - אבער ער האט נאך אלץ געדארפט בלייבן במדינה ההיא, וכמובן אז כל הענינים שלו זיינען געווען אונטער א השגחה, נאכמער ווי פריער, און ערשט דערנאך איז ער ארויס אויך פון מדינה ההיא,

און דאס וואס ער האט קובע געווען דער יום טוב פון גאולתו אויף די טעג פון י"ב-י"ג תמוז - איז, דערפאר וואס דעמולט חזר לבוריו (עכ"פ) ווי ער איז געווען לפני המאסר מתאים צו דעם דין אין הלכות ברכות הנהנין פון דעם אלטן רבי׳ן[7], (וואס איז געדרוקט אין די סידורים) אז "לא יברך כו׳ (ברכת הגומל) עד שיחזור לבוריו לגמרי".

- וואס -

------------

1) ש"פ קרח סט"ז. 2) ראה שיחת ש"פ קרח תש"מ ס"ה. ובשוה"ג. 3) ראה סה"ש תש"א ע׳ 139. לקו"ש ח"ד ע׳ 1061 ואילך. 4) ראה לקו"ש ח"ד ס"ע 1314 ואילך. לקו"ש י"ב-י"ג תמוז תשל"ח ס"ה. 5) פ"א ה"א. יומא פ"ג ה"ב. וראה גם שהש"ר פ"ו, א. 6) ראה גם לקו"ש ח"ד שם הערה 3. 7) פי"ג ס"ה.

וואס דאס זיינען געווען די פארשידענע שלבים פון גאולתו וואס איז געווען "קימעא קימעא" - אבער כאמור, אויך דאס וואס מ'האט אים באפרייט בר"ח תמוז איז געווען אן ענין של גאולה,

ביז אז דערנאך, ביום ג' תמוז, איז ער ארויס פון בית האסורים בפועל, וואס ער איז דארט געבליבן די פאר טעג מצדו, אלס אן ענין פון מסירת נפש אויף אידישקייט, אויף תורה ומצוות.

ב. אין דעם בלייבן דעמולט בבית האסורים ביז נאך שבת - זעט מען דעם גודל פון זיין מסירת נפש אויף תורה ומצוות, ווארום מען קען זיך לכאורה דינגען אז ער האט דאס ניט געדארפט טאן, ווייל ע"פ דין וואלט ער געמעגט ארויסגיין דעמולט בר"ח:

דער דין איז[8], אז מ'טאר ניט גלויבן א גוי, איז בשעה די מחליטים בדבר האבן אים געגעבן א הבטחה, אז אפילו אויב ער וועט בלייבן אין בית האסורים ביז נאך שבת וועלן זיי אים אויך דעמולט ארויסלאזן - האט ער זיי ניט געטארט גלויבן,

[און הגם אז אויך אידן, "מהרסיך ומחריביך ממך יצאו"[9]. האבן געהאט צו טאן מיט דעם, וואס בשעת מ'איז געקומען מאכן דעם חיפוש בביתו און געמאכט דעם מאסר איז דאך געווען יד ישראל באמצע, כמסופר אין "רשימת המאסר"[10] - זיינען זיי אבער ניט געווען די מחליטים, און די החלטה איז געווען אפהענגיק אין א גוי - האט ער דעם גוי לכאורה ניט בעטארט גלויבן].

נאכמער: אויך אין דעם חשש פון פארן אום שבת - קען מען זיך אויך דינגען:

פון ווען ער האט געדארפט ארויסגיין פון בית האסורים - דאנערשטיק, ביז ער האט געדארפט אוועקפארן קיין קאסטראמא האט געדארפט זיין א הפסק פון א משך זמן - וואלט געקענט זיין, אז דורך השתדלות במשך פון די צייט וועט מען קענען אפהאלטן זיין נסיעה, ובפרט אויב מ'וועט צושטעלן פאפירן פון א דאקטאר אז ער קען דעמולט ניט פארן,

און אפילו אויב מ'וואלט ניט געקענט פועל זיין און ער וואלט געמוזט אנהויבן די נסיעה - איז דאך געווען א

- משך -

------------

8) ראה מקומות שנסמנו באנציקלופדי' תלמודית ערך גוי ע' שלז ואילך. 9) ישעי' מט, יז. 10) לקו"ד ח"ד תריג, א.

משך זמן ביז שבת, וואלט מען אפשר דורך השתדלות געקענט פועל זיין אז ער זאל אויפהערן פארן באמצע הנסיעה,

און אפילו סאמער מ׳וועט ניט קענען פועל זיין - איז ער דאך אן אנוס[11], און אנוס מיט אן אמת׳ן אונס וואס אינו תלוי בו,

ובפרט אז די נסיעה האט זיך אנגעהויבן בחול, פאר שבת[12].

און אויך בנוגע צו דעם איהור תחומין, וויבאלד אז פארענדיק אין וואגן איז ער למעלה מעשרה טפחים - קען מען זאגן, אז אין זיין פארן וואלט קיין חשש פון אן איסור דאורייתא געווים ניט געווען[13], ויש לומר אז בנוגע אן איסור דרבנן, קען מען זיך אויך דינגען, וואס דאס זיינען די ספיקות וואס זיינען דא סיי אין זיין ארויסגיין ביום ג׳ תמוז און סיי אין דעם חשש פון פארן אום שבת; לאידך, אויב ער וואלט ארויסגעגאנגען וואלטן זיכער געווען כמה ענינים טובים אין דעם:

זיצענדיק אין מאסר זיינען געווען כמה מצוות וואס ער האט ניט געקענט מקיים זיין, אנהויבנדיק פון א מצוה פשוטה, מצות הצדקה, ווארום דער סדר אין בית האסורים איז געווען אז מ׳האט צוגענומען בא די אסירים זייער גאנצע געלט[14], און אויך - עס זיינען דארטן ניט געווען קיין עניים מיט וועמען ער זאל קענען טאן איזה ענין שיהי׳ של צדקה; עס האט אים געפעלט דער ענין וואס שטייט אין שו"ע[15] אז עס דארף זיין "יהיב פרוטה לעני והדר מצלי"[16],

ולאידך, בשעת ער וואלט זיך געפונען דעמולט בביתו וואלט ער געקענט מקיים זיין דעם "יהיב פרוטה לעני והדר מצלי", דאנערשטיק און פרייטיק, ועד"ז בשבת וואלט ער געקענט מקיים זיין מצות צדקה דורך הכנסת אורחים וכיו"ב,

עד"ז אויך בנוגע צו עבודת התפלה - עס איז פארשטאנדיק אז ס׳איז אינו בדומה ווי ער וואלט געקענט טאן אין עבודת התפלה בביתו לגבי ווי בבית האסורים:

בביתו האט ער געהאט א בית הכנסת, און דארטן האט געדאוונט א מנין[17], וואס דאס גיט צו אפילו בשעת ער האט געדאוונט בחדרו, דערנאך זיינען דא ענינים וואס אפילו פאר א יחיד איז דאס נעלה יותר אין א בית - אין א בית איז דא טהרה ונקיות כדבעי למהוי פאר תפלה,

משא"כ בשעת ער האט זיך געפונען אין בית האסורים -

- האט -

---

11) ראה ב"ק כח, ב. 12) ראה שו"ע או"ח סרמ"ב. 13) ראה שו"ע אדה"ז ר"ס שצו. ד"ס תד. 14) לקו"ד שם ע׳ תרמב.
15) או"ח סצ"ב ס"י. אדה"ז שם. דו"ע יו"ד סרמ"ט סי"ד.
16) ב"ב י, סע"א. 17) ראה לקו"ד שם תריא, ב.



הנחת הת׳ בלתי מוגה

האט ער תפלה בצבור און א מנין זיכער ניט געהאט, און ס'איז אויך פארשטאנדיק אז נקי' וטהרה האט מען דארטן ניט געקענט באוויין אפילו ווי אין א חדר בבית פרטי,

און דעם עילוי וואלט ער געהאט סיי דאנערשטיק און סיי פרייטיק און סיי שבת, ווארום אפילו פארנדיק אין רכבה, אין א "טריין", איז די נקיות וטהרה בעסער ווי אין ביה האסורים, ועד"ז קען דארטן זיין התבוננות לפני התפלה און כוונת התפלה וכו' באופן נעלה יותר.

ד. וואס ע"פ כל זה איז פארשטאנדיק דער גודל המס"נ פון דעם בעל הגאולה, אז הגם אז בשעת ער איז געבליבן אין בית האסורים ביז נאך שבת איז געווען א ספק צי ער וועט קענען דערנאך ארויסגיין, און בנוגע צום חשש חילול שבת קען מען זיך דינגען און שטארק דינגען אז ס'איז מותר ע"פ דין שו"ע, און אויב ער וואלט ארויסגעגאנגען וואלט ער בודאי געהאט כמה עניני מצוות וואס ער האט ניט געקענט טאן בבית האסורים -

און אעפ"כ האט ער זיך מוסר נפש געווען און ער איז ניט ארויס פון דארטן צוליב דעם חשש חילול שבת.

ה. פארוואס האט ער זיך טאקע אזוי געפירט?

איז דער ביאור אין דעם: וויבאלד אז דאס איז געווען נוגע צו קידוש השם והפכו - האט ער זיך איינגעשטעלט און זיך מוסר נפש געווען.

וואס דאס איז פארשטאנדיק אויך ע"פ נגלה, און דאס איז טאקע ביאור הנהגתו ע"פ נגלה [ווארום מ'מוז דאך האבן א ביאור אויך ע"פ נגלה]:

אויב ער וואלט דעמולט געפארן בשבת, וואלט מען געהערט אז פלוני בן פלוני איז געפארן שבת - מען וואלט ניט געהערט די גאנצע שקו"ט שבדבר און אז דאס איז געווען מותר ע"פ דין, מען וואלט נאר געהערט אז א איד, און נאכמער - פלוני בן פלוני, איז געפארן שבת - וואלט עס געווען אן ענין היפך פון קידוש השם,

ובפרט - עס זיינען דאך דא אזעלכע וואס תואנה הם מבקשים, וואס אויך זיי דארף מען באווארענען.

נאכמער: פאר "מהרסיך ומחריביך" וואלט דאס געווען דער גרעסטער נצחון: זיי האבן דעמולט געהאט א מפלה, זיי האבן אים געמוזט ארויסלאזן, ביז אז זיי האבן אים געמוזט קומען

- זאגן -

דאגן אז זיי לאזן אים ארויס, איז אויב א איד, ובפרט ער, דער וואס איז לוחם פאר אידישקייט, וואלט דעמולט געפארן שבת (וואס דאס האבן זיי דאך געוואלט פועל'ן) - וואלט דאס פאר זיי געווען דער גרעסטער נצחון,

ווארום מענטשן גייען ניט אריין אין די שקו"ט, און נאכמער: רובם וויסן גארניט פון דער גאנצער שקו"ט - וואלטן זיי נאר געהערט אז פלוני בן פלוני איז געפארן שבת,

וואס דעריבער, וויבאלד אז דא איז געווען נוגע קידוש השם והפכו - האט ער זיך אינגאנצן ניט געדארפט מיישב זיין, ער האט גלייך געזאגט - ניין! און ער האט זיך איינגעשטעלט און זיך מוסר נפש געווען און געבליבן אין בית האסורים ביז נאך שבת,

וכאמור, דאס איז דער ביאור אין הנהגתו אויך ע"פ נגלה.

די הוראה דערפון פאר יעדן יחיד, וואס ער דארף זיך אפלערנען פון בעל הגאולה, ווארום "בתר רישא גופא אזיל"[18]:

ידע אינש בנפשי', אז עס זיינען דא ביי אים מצבים וואס זיינען כעין ובדוגמת דעם דעמולטדיקן מצב פון דעם בעל הגאולה - אז הגם דער עניין ווערלכער מ'וויל טאן מעג מען ע"פ דין - אעפ"כ דארף מען דאס ניט טאן, ווייל אנדערע וועלן ניט וויסן פון דער שקו"ט און די טעמים להיתר און עס וועט זיין היפך העניין פון קידוש השם.

ולדוגמא - בנוגע צו די מבצעים:

איינער קען מחליט זיין, אז ער וועט זיך פארשפארן און לערנען תורה, וואס "תלמוד תורה כנגד כולם"[19],

קומט ביי אים אויס, אז ע"פ שו"ע דארף ער ניט גייען אויף מבצעים, נאכמער: ע"פ שו"ע טאר ער גאר ניט גיין אויף די מבצעים! ווארום אין לימוד התורה איז ער זיכער אז ער וועט מצליח זיין ווארום "יגעת - ומצאת"[20], משא"כ אין די מבצעים ווייס ער ניט!

אמת טאקע, אויך בשעת אין די מבצעים טוט ער ניט אויף האט ער מקיים געווען "ואהבת לרעך כמוך"[21] און "היכח תוכיח את עמיתך"[22]

- וואס דאס איז טאקע א ריכטיקער חשבון: אפילו בשעת

- מ'טוט -

------------

18) עירובין מא, א ועוד. 19) פאה פ"א מ"א. 20) מגילה ו, ב. 21) קדושים יט, יח. 22) שם יז.



הנחת הת' בלתי מוגה

מ'סוס ניט אויף אין די מבצעים - האט מען דאן מקיים געווען "ואהבת לרעך כמוך" און "הוכח תוכיח את עמיתך", וואס די ביידע, זיינען מצוות עשה!

ס'איז מערנים ודאס אמאל איז דא וואס מ'סוס אויף אויך, "עולמך תראה בחייך"[23], אבער אויך ווען מ'סוס ניט אויף - איז מען מקיים די צוויי מצוות פון "ואהבת לרעך כמוך" און "הוכח תוכיח את עמיתך" -

טענה'ט ער אבער: ער וועט דאך לערנען תורה, וואס תורה איז שקול כנגד כל המצוות - אויך כנגד די צוויי מצוות!

און ער איז לכאורה בארעכטיקט מיט זיין טענה: אין זיין לימוד ההורה פארלירט ער אפילו ניט קיין רגע, און ער ווייס אז "יגעת - ומצאת", משא"כ בנוגע א צווייטן קען ער ניט זאגן אז ס'איז זיכער "יגעה - ומצאה", ווארום יענער האט דאך בחירה!

איז לויט זיין חשבון דארף ער ניט, און ער טאר גאר ניט, גיין אויף די מבצעים ע"פ שו"ע!

ז. איז אט-דא האט ער די הוראה פון דעם בעל הגאולה - אז הגם ע"פ שו"ע האט מען געקענט זאגן אז ס'איז מותר צו פארן אום שבת, וויבאלד אבער די מנגדים האבן ערשט געהאט א מפלה, און בשעה זיי וואלטן געהערט אז ער איז געפארן אום שבת, וואלטן זיי דאך ניט געוואוסט פון די שקו"ט כו', און זיי וואלטן אפגעריכט א נצחון, איז וויבאלד ס'איז געווען נוגע צו קידוש השם והפכו - האט ער זיך איינגעשטעלט און דאס ניט געטאן,

וואס עד"ז דארף אויך יעדעדער מאכן א חשבון פאר זיך: וואס פאר א פנים האט דאס צו מענטשן, בשעת מ'זעט אז הכל יוצאים ופלוני בן פלוני אינו יוצא!

ובפרט אז ער האלט דאך אז ממנו יראו וכן יעשו!

איז ווי קוקט מען אויף דעם - אז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו מאנט אז עס זאל זיין הפצת היהדות חוצה, און כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו מאנט אז עס זאל זיין הפצת המעינות חוצה, וכידוע דער מכתב המפורסם פונעם בעש"ט[24] אז דעמולט - איז "קאתי מר" - און ער שטעלט זיך אנטקעגן!

און קיינער פרעגט ביי אים ניט אויס, זיין שקו"ט און טעמים פארוואס ס'איז מותר - און אפילו אויב מ'פרעגט יע -

- האט -

-------------

23) ברכות יז, סע"א. 24) נדפסה (גם) בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו.

האס מען ניט קיין געדולד צו אויסהערן, און אפילו אז מ'הערט יע - דערהערט[25] מען ניט, ועכ"פ אפילו אויב זיי דערהערן - א קאלטקייט, "אשר קרך"[26], מאכט דאס זיכער.

ח. ־אס וואס מ'זאגט דא מבצעים, מיינט מען ניט דוקא מבצעים - עס זיינען דא כמה ענינים צו וועלכע עס איז צוגעפאסט דער לימוד פון הנהגת נשיא דורנו הנ"ל, ס'איז מערניט וואס מבצעים איז אן ענין שהזמן גרמא, ווארום מ'וויל דאך אז די טעג זאלן נהפך ווערן, אז "צום הרביעי גו' יהי' גו' לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[27], אז שבעה עשר בתמוז זאל זיין "מועדים טובים", א גרויסער יו"ט[28], וואס דאס ווערט דורך "מעשינו ועבודתנו"[29] איצטער בזמן הגלות - דערפאר האט מען אנגעכאפט מבצעים,

אבער כאמור, עס זיינען דא כמה ענינים, וואס ידע אינש בנפשי' - אין וועלכע ער דארף אפלערנען און נוצן דעם לימוד הנ"ל פון הנהגת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

ט. און דורך דעם וואס מ'איז מחליט אין דעם - ווערט דער חודש - דער הודש של גאולה, ניט נאר פון די גאולה פון י"ב-י"ג תמוז, נאר אויך די גאו"ה פון שבעה עשר בתמוז, ווארום ימים אלו וועלן נהפך ווערן "לששון ולשמחה ולמועדים טובים",

בביאה משיח צדקנו, וואס יבא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן.

* * *

י. אין האמור לעיל קומט צו, ע"פ דעם פסוק אין תהלים, קאפיטל פ'[30], וואס מ'האט פריער דערמאנט און געזונגען - "רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף יושב הכרובים הופיעה".

וואס אין דעם פסוק דארף מען פארשטיין, און מ'דארף דאס פארשטיין אפילו בשעה מ'לערנט דאס בפשטות, און ווי עס שטעלן זיך אויף דעם פשטנים, אנהויבנדיק פון ראש הפשטנים, רש"י: פארוואס ווערט דא כלל ישראל אנגערופן בשם "יוסף" (ובפרט אז פריער אין פסוק ווערן זיי אנגערופן "ישראל")?

און מ'איז מסביר, אז דאס איז, "לפי שהוא פרנסם וכלכלם בימי הרעב"[31].

- וואס -

------------

25) ראה בארוכה שיחת י"ב תמוז תש"ח (סה"מ הש"ח ע' 252 ואילך). 26) תצא כה, יח. וראה תנחומא שם ט (הובא בפרש"י עה"פ). סה"מ הרע"ח ע' 132. תרפ"ז ע' קל ואילך. ובכ"מ. 27) זכרי' ח, יט. 28) ראה תוספתא תענית בסופו. רמב"ם הל' תעניות בסופו. לקו"ש חט"ו ע' 412 ואילך. 29) הניא רפל"ז 30) ב. 31) רש"י עה"פ שם. וראה גם מצו"ד.



הנחה הת' בלתי מוגה

ברעש"[81]. איז וואס איז אז "ניתנו ברעש": צי דען ווייל "ניתנו ברעש" דערפאר קען עס אנרירן דעם ענין החקיקה בהלוחות אז אין זיי זאל זיין שייך א שינוי ביז שבירה?!

אמת טאקע אז דער אויבערשטער זאגט[82] "אשר שברת, יישר כחך ששיברת" - אבער ווי האט דאס געקענט אנרירן די חקיקה וואס איז געווען בהלוחות?

אזוי אויך די הסברה אז די שבירה האט נאר אנגערירט די אבנים אליין אבער ניט די אותיות ווייל "לוחות נשברו ו)אותיות פורחות"[83] וכו' - דארף מען אויך פארשטיין.

מ'רעדט דאך אבער וועגן פריילעכע זאכן - איז דער ענין פון "חוקת" פארבונדן מיט חקיקה, "חוקה חקקתי גזירה גזרתי", וואס אין דעם איז ניט שייך קיין שינוי.

כד. די הוראה דערפון בקשר מיט דער גאולה די"ב-י"ג תמוז:

די שליחות וואס יעדערער האט פון דעם בעל הגאולה צו טאן אין הפצת התורה און הפצת היהדות דארף בא יעדערן זיין באופן פון חקוק על לבך - עס דארף זיין נחקק מיני' וכי' פון לב האדם. וואס דעמולט איז דאס ביי אים בכל התוקף און ס'איז אין דעם ניט שייך קיין שינוי.

בשעת ס'איז ווי א דבר מן החוץ, קען דערנאך א צווייטע זאך קומען און פועלן א ירידה אדער א חלישות בזה. בשעת די שליחות איז אבער חקוק על לבך, ס'איז דורכגעקריצט און איינגעקריצט אין זיין הארץ און אין זיין גאנצער מציאות - דעמולט איז ניטא קיין קס"ד אז ס'זאל זיין אנדערש, און ער שטייט בכל תוקפו און מ'קען אים ניט משנה זיין און רירן פון ארט.

כה. אזוי איז אויך דא דער שיעור חומש פון ג' תמוז בשנה זו - פון שלישי ביז רביעי בפ' חוקת. ויש לומר אז דאס וואס עס רעדט זיך אין דעם שיעור חומש האט א קשר מיט ג' תמוז.

והביאור בזה - ובהקדים אז ס'איז דא א גאנצע שאלה בהלכה אויף דער הנהגה פון דעם בעל הגאולה בקשר מיט ג'

- תמוז -

--------

81) ראה תנחומא תשא לא (בסופו). תנחומא באבער מקץ ח. פרש"י עה"פ תשא לד, ג. 82) תשא לד, א. שבת פז, א. פרש"י סוף ברכה. 83) פסחים פז, סע"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

תמוז. וואס מ׳האט שוין וועגן דעם אמאל גערעדט בארוכה[84], וועט מען עס איצטער רעדן נאר בנקודה:

דער בעל הגאולה האט דערציילט[85] פרטי הדברים ווי מ׳האט אים אוועק געשיקט קיין קאסטראמא בג׳ תמוז: דאנערשטיק, א׳ דר״ח תמוז (תרפ״ז), האבן זיי אין תפיסה גערופן דעם בעל המאסר והגאולה, און ער האט געזעצן זיין פאפיר אויף וועלכן ס׳איז געווען עטלעכע מאל אנגעשריבן א החלטה און דערנאך אויסגעמעקט – ערשטנס די החלטה אז ער ווערט פאר׳משפט, אחת דתו, צו היפך החיים ח״ו, און דאס איז געווען אויסגעשטראכן. דערנאך איז געשטאנען אונטער דעם – 10 יאר פארשיקונג צו א מקום גירוש אין וויטן צפון, און אויך דאס איז געווען אויסגעשטראכן. דערנאך איז די לעצטע החלטה געשטאנען – פארשיקונג 3 יאר קיין קאסטראמא, עיר בפנים ברוסיא.

און זיי האבן אים דעמולט – דאנערשטיק בבוקר, ביום אדער בערב – געזאגט אז ער קען גיין אהיים אויף עטלעכע שעה (זעקס שעה) און דערנאך וועט ער ארויספארן קיין קאסטראמא.

האט דער בעל המאסר והגאולה זיי געפרעגט ווען וועט ער אנקומען קיין קאסטראמא. האבן זיי געענטפערט – (ליל) שבת. האט ער זיי געזאגט אז שבת וועט ער בשום אופן ניט פארן.

האבן זיי אים געזאגט, אז זיי ווערן דערפון ניט נתפעל, און אויב אזוי – וועט ער בלייבן זיצן. האט ער געזאגט – נו...

וואס דאס איז אויך געווען א חידוש: זיי האבן געקענט משנה זיין דעם צווייטן תנאי, אז אנשטאט ער זאל זיך זען מיט זיין משפחה זאל ער גלייך פארן; אנשטאט דעם האבן זיי משנה געווען דעם תנאי אז ער זאל בלייבן זיצן. וואס דאס איז דאך א בלבול הסדרים, ווייל בא זיי איז געווען דער סדר אז בשעת מ׳האט ארויסגעלאזט אן אסיר פון מאסר האט מען אים פון דארט ארויסגעטריבן, ״ביד חזקה יגרשם״[86], און דא האט מען אים געלאזט בלייבן אין תפיסה.

וואס די החלטה פון דעם בעל הגאולה ניט צו מסכים זיין און זאגן זיי אז ער גייט ניט ארויס – איז א דבר פלא לכאורה, און ס׳איז נאך פארבונדן מיט א שאלה בהלכה ווי אזוי ער האט זיך אזוי געקענט פירן:

– דער –

--------

84) שיחת ש״פ חוקת תשמ״א ס״ב ואילך. 85) ס׳ השיחות תש״א ע׳ 139. וראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1061 ואילך. 86) כמ״ש ביצי״מ – שמות ו, א.

<u>הנחת התי׳ בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

דער בעל המאסר והגאולה האט זיך דעמולט געפונען אין א מצב פון פקוח נפשות, און ס'איז א כלל אז פקוח נפשות דוחה כל התורה כולה, און דוחה שבת[87]. איז בשעת זיי האבן אים געזאגט אז זיי באפרייען אים פון מאסר און שיקן אים אוועק אין קאסטראמא, האט ער געדארפט גלייך מסכים זיין אויף דעם, כאטש אז ס'איז געווען פארבונדן מיט שבת:

יענע מלוכה איז געווען עלול אויף אפטאן אלץ. במילא, געפינענדיק זיך בא זיי אין מאסר איז געווען פקו״נ. איז דורך דעם וואס ער האט זיי געזאגט אז ער וועט ניט גלייך ארויסגיין פון מאסר (צוליב שבת) האט ער דאך גורם געווען אז ער זאל דארטן ווייטער בלייבן אין א מצב של פקו״נ.

ובפרט אז זיי האבן אים שוין פריער פאר'משפט צו היפך החיים, ווי ער אליין האט עס געזען[88] - איז בלייבנדיק איבעריקע טעג אין מאסר קענען זיי דאך צוריק חרטה האבן און ווידער מחליט זיין אים צו פאר'משפטן אויף היפך החיים ח״ו. וואס דאס וואלט ביי זיי געווען ניט קיין משפט חדש, מערניט. ווי א חרטה אויף א חרטה שלפנ״ז! איז דאס גאר א שטארקער פקו״נ.

ובפרט אז די וואס האבן לכתחילה געוואלט אים פאר'משפטן אויפן הארבסטן אופן זיינען דאך ניט אראפגעזעצט געווארן פון זייערע אמטן, נאר בלויז אז די וועלכע זיינען געווען גרעסער פאר זיי האבן זיי איבערגעוואגן און מחליט געווען אים צו פאר'משפטן אויף אן עונש קל יותר (אוועקשיקן אים אויף דריי יאר קיין קאסטראמא). און היות אז ער בלייבט זיצן אין מאסר נאך עטלעכע טעג (און פארט ניט גלייך, ווי זיי האבן אים פארגעשלאגן), איז דאך א זיכערע זאך אז די וועלכע האבן לכתחילה געוואלט אים פאר'משפטן אויפן הארבסטן אופן וועלן זיך משתדל זיין אויף כל האופנים אויף דורכצופירן זייער רצון, איז דא א חשש אז זיי וועלן דאס דורכפירן.

ומצד דעם פקו״נ וואס איז געווען דערמיט פארבונדן - איז בשעת זיי האבן אים געזאגט אז זיי גיבן אים דעם לייכטערן עונש און ער קען גלייך פארן קיין קאסטראמא, האט ער גלייך געדארפט מסכים זיין.

ווייל ס'איז דאך א מצב פון פקו״נ ממש. ולאידך גיסא - איז א ספק גדול צי ער וואלט עובר געווען אויף שבת. און אפילו

- אויב -

--------

87) יומא פה, ב. מכילתא תשא לא, יג. שם, טז. 88) לקו״ש שם ע' 1063. וראה ס' השיחות שם.

או.. יע – איז דאך פקו"נ דוחה שבת, אפילו ספק פקו"נ, עאכו"כ ודאי פקו"נ וספק שבת.

האט ער גלייך געדארפט מסכים זיין און ארויסגיין פון מאסר, א.. גיין זען זיין משפחה. און דערנאך, ווען זיי וועלן קומען אים נעמען קיין קאסטראמא – קען ער זיך דעמולט משתדל זיין צו בלייבן אויף שבת. איז וואס קען שוין דעמולט זיין – אז זיי וועלן אים צוריק אריינזעצן אין מאסר – נו?! האט ער דאך גארניט פארלארן. און אויך – וועגן דעם קען ער שוין גארניט טאן, ווייל ס'איז ניט בידו. אבער בידו איז געווען צו מסכים זיין ארויסגיין פון דו.. מצב של פקו"נ און דערנאך זיך משתדל זיין ניט פארן שבת, און גא.. וואלט גארניט פארלארן, אבער אפשר וואלט ער נאר פארדינט, און ניט געווען אין א מצב של פקו"נ און אויך ניט געפארן שבת. משא"כ ווען ער איז געבליבן אין מאסר נאך עטלעכע טעג איז ער וויי..ער געווען אין א מצב של פקו"נ ממש.

ואפילו אויב ער וואלט דעמולט ארויס און ער וואלט אויף זיי ניט גע'פועל'ט אים לאזן ניט צו פארן שבת און זיי וואלטן אים געצוואונגען פארן שבת (און אים ניט צוריק אריינגעזעצט אין מאסר) – איז ערשטנס פארט ער דאך ארויס (ניט בשבת, נאר) ביום חמישי אדער ששי, במילא, אינמיטן דער נסיעה ווען עס ווערט נאענט צו שבת האט ער געקענט רעדן מיט די באי כח (פון די וועלכע האבן אים געשיקט אין קאסטראמא) וואס זיינען געווען מיט אים [ווייל אע"פ אז שוטרים גלויים זיינען ניט געווען מיט אים, זיינען אבער זיכער געזעצן מיט אים אין "קופע" (ווי מ'האט עס גערופן) באי כח פון די וואס האבן אים אהינצו געשיקט] און אפשר זיי איינרעדן און אויף זיי פועלן אז מ'זאל אראפגיין פון דעם "טריין" פאר שבת, און ממשיך זיין די נסיעה נאך שבת.

און אפילו אויב ער וואלט אויף זיי ניט גע'פועל'ט – איז ער דאך אן אנוס, און אנוס מיט אן אמתין אונס שאינו תלוי בו, ואונס רחמנא פטרי"[89].

בידוע אז דער חיוב פון יהרג ואל יעבור (מס"נ) איז דא נאר אויף ג' דברים[90]. און אפילו אז עס זיינען געווען אזוינע וואס בא זיי איז געווען יהרג ואל יעבור אויף נאך ענינים (ע"ד "אספו לי חסידי"[91], כמבואר במפרשי הרמב"ם[92] – איז דאך יהרג ואל יעבור שייך נאר אויף מצות לא תעשה (אז ער זאל ניט טאן א דבר מסויים), אבער אויף מצות עשה איז דאס ניט שייך – ווייל א מצות עשה איז



--------

89) ב"ק כח, ב. 90) רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ה ה"ב. 91) תהלים נ, ה. רמב"ם שם ה"ד. 92) נו"כ שם.

<u>הנחת התי' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

א פעולה חיובית מיט א דבר מסויים, קען מען דאך אים אפהאלטן פון דאס צו טאן אדער צונעמען די זאך מיט וועלכער ער דארף מקיים זיין די מצוה – וועט אויף דעם ניט העלפן קיין מס"נ, ווייל ער האט ניט די זאך, מ'האט עס פון אים צוגענומען בעל כרחו, קען ער פשוט בגשמיות ניט מקיים זיין די מצוה.

לדוגמא: בשעת מ'נעמט פו אים צו (ר"ל) א לולב אדער אתרוג, העלפט דאן ניט קיין מס"נ צו מקיים זיין די מצוה, ווייל מ'האט עס פון אים צוגענומען בעל כרחו, קען ער בגשמיות ניט מקיים זיין די מצוה. וואס כיי אנדערע איז טאקע געווען מס"נ אויך אויף דעם – אבער בפועל קען זיין אז מ'זאל טאקע צונעמען בעל כרחו דעם אתרוג און מ'זאל ניט קענען מקיים זיין די מצוה, ווי ס'איז געווען בפועל.

וואס דאס איז אן אונס אמיתי – אז מ'איז אים מכריח ניט צו מקיים זיין א מצוה דורך דעם וואס מ'נעמט פון אים אוועק די גאנצע מעגלעכקייט די מצוה צו מקיים זיין, וואס דעמולט וועט קיין זאך ניט העלפן, עס וועט אויף דעם ניט העלפן זיין מס"נ.

עד"ז וואלט געווען בנדו"ד: אויב ער וואלט ניט געקענט אויף זיי פועל'ן צו ארונטערגיין פון טריין אויף שבת, איז ער דאן אן אמת'ער אנוס, ווייל ער וואלט דאך אליין ניט געקענט אראפגיין פון טריין, ווארום מ'וואלט אים מכריח געווען בלייבן אויפן טריין – במילא וואלט אויף דעם ניט געהאלפן מס"נ שלו, איז ער דאך אן אמת'ער אנוס, ואונס רחמנא פטריי.

און אויך בנוגע צו דעם עצם פארן אויפן טריין איז א שאלה צי ס'איז היפך פון שמירת שבת: מדאורייתא איז דאס זיכער ניט. ואפילו מדרבנן איז א סברא אז דא איז גארניטא היפך פון שמירת שבת, ווייל ער טוט דאך ניט קיין שום פעולות אויפן טריין צו מאכן אים פארן, ער צינדט גארניט אן וכיו"ב, ער זיצט נאר דארטן, און ער איז דאך ארויף אויפן טריין פאר שבת – איז וואס איז דא דער חילול שבת?

איי דער ענין פון איסור תחומין – איז זיצנדיק אין א טריין איז ער למעלה מעשרה טפחים[93].

קומט אויס אז נוסף דערצו וואס ער איז אן אנוס און מוכרח צו זיצן אין טריין, איז א חילול שבת דאורייתא זיכער ניטא, און ס'איז א ספק צי ס'איז דא אן איסור דרבנן. ולאידך גיסא –

– בלייבן –

--------

93) ראה שו"ע אדה"ז סת"ד.

בלייבן זיצן אין מאסר איז א ודאי פקו"נ –

ווערט א שאלה אין הלכה: ווי האט ער געמעגט זאגן אז ער בלייבט זיצן אין מאסר און דעמולט ניט ארויסגיין פון דארטן?

כו. דעם ביאור אין דעם וועט מען פארשטיין ע"פ דעם שיעור חומש פון ג' תמוז בשנה זו (שלישי ביז רביעי דפי׳ חוקת):

דארטן שטייט "וידבר ה' אל משה לאמר קח את המטה והקהל את העדה אתה ואהרן אחיך ודברתם אל הסלע לעיניהם ונתן מימיו והוצאת להם מים מן הסלע והשקית את העדה ואת בעירם".

"ויקח משה את המטה מלפני ה' כאשר צוהו. ויקהילו משה ואהרן את הקהל אל פני הסלע ויאמר להם שמעו נא המורים המן הסלע הזה נוציא לכם מים. וירם משה את ידו ויך את הסלע במטהו פעמים ויצאו מים רבים ותשת העדה ובעירם".

"ויאמר ה' אל משה ואל אהרן יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בני ישראל לכן לא תביאו את הקהל הזה אל הארץ אשר נתתי להם. המה מי מריבה אשר רבו בני ישראל את ה' ויקדש בם".

איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק – פארוואס איז זיי געקומען אזא הארבער עונש צוליב דעם וואס אנשטאט רעדן צום שטיין האט משה געשלאגן דעם שטיין:

רש"י איז מפרש אויפן ענין[94]: אז דאס וואס משה האט געשלאגן דעם שטיין "פעמים" איז "לפי שבראשונה לא הוציא אלא טיפין לפי שלא צוה המקום להכותו אלא ודברתם אלא הסלע והמה דברו אל סלע אחר ולא הוציא, אמרו שמא צריך להכותו כבראשונה שנאמר[95] והכית בצור, ונזדמן להם אותו סלע והכהו".

איז וואס איז שוין די געוואלדיקער עוולה: לכל לראש האבן זיי דאך געפרואווט רעדן צום שטיין, ווי דער אויבערשטער האט זיי אנגעזאגט. ערשט נאכדעם ווי זיי האבן געזען אז דאס העלפט ניט האט משה געשלאגן דעם שטיין?!

און דאס גופא וואס משה האט געשלאגן דעם שטיין איז ניט געווען קיין דבר חידוש. דער אויבערשטער האט אים שוין אמאל אנגעזאגט "והכית בצור", האט ער אזוי אויך איצטער געטאן – איז וואס איז שוין זיין חטא אז דערפאר איז געווען דער עונש אז משה

– ואהרן –

-------

94) פסוק יא. 95) בשלח יז, ו.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

ואהרן זאלן ניט אריינגיין אין ארץ ישראל?!

ובפרט אז דער אויבערשטער האט אים דא גופא אנגעזאגט "קח את המטה" - איז אויב ער דארף ניט נוצן דער מטה, פארוואס האט אים דער אויבערשטער אנגעזאגט מיטנעמען דעם מטה מיט זיך?

ובפרט אז דאס וואס משה איז געגאנגען געבן אידן מים איז עס געווען צוליב "וירב העם". און בשעת ער האט גערעדט צום שטיין און ס'איז ניט ארויס קיין מים, האבן די אידן זיכער אנגעהויבן מורמלען, אז מ'זעט שוין וואס דער אויבערשטער און וואס משה קענען אויפטאן, איז בכדי צו באווארענען זייער מריבה האט משה געשלאגן דעם שטיין, ווי דער אויבערשטער האט אים אמאל געזאגט טאן.

ובפרט אז נאכדעם ווי ער האט געשלאגן דעם שטיין איין מאל איז ארויס "טיפין" - האט משה דערפון געזען אז דער שלאגן דעם אבן האט יע אויפגעטאן, האט ער ווייטער געשלאגן דעם שטיין א צווייטן מאל.

איז פארוואס זיינען זיי נענש געווארן מיט אזא הארבן עונש אז זיי זיינען ניט אריין אין ארץ ישראל, וואס "אלולי חטא זה בלבד היו נכנסין לארץ כו'"[96]?!

עס זיינען דאך געווען נאך ענינים וואס זיינען ניט געווען בשלימות בא משה רבינו - ווי די מעשה אז "לא מל את אליעזר בנו ועל שנתרשל נענש עונש מיתה", נאר היות אז "הבינה צפורה שבשביל המילה הוא" "ותקח צפורה צור ותכרת את ערלת בנה גו'" איז ער ניצול געווארן[97]. ועד"ז דאס וואס משה האט געזאגט דעם אויבערשטן[98] "הצאן ובקר ישחט להם", וואס איז "קשה מזו" (ערגער פאר דער חטא פון מי מריבה)[96] - היינט פארוואס דוקא אויף דעם חטא פון מי מריבה, וואס איז לכאורה ניט אזא געוואלדיקע עוולה, האבן זיי באקומען אזא הארבן עונש, ו"אלולי חטא זה בלבד היו נכנסין לארץ"?!

באווארנט עס דער פסוק אליין: "ויאמר ה' אל משה ואל אהרן יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בני ישראל לכן לא תביאו את הקהל הזה אל הארץ אשר נתתי להם".

היות אז דא איז עס געווען פארבונדן מיט קידוש השם והפכו -

--------- - דערפאר -

96) פרש"י פרשתנו שם, יב. 97) שמות ד, כד-כה ובפרש"י שם. 98) בהעלותך יא, כב.

דערפאר איז געווען אזא הארבער עונש.

בא דעם ענין פון "הצאן ובקר ישחט להם" איז עס געווען נאר כלפי דעם אויבערשטן, ניט פאר כל בני ישראל, במילא איז דאס ניט געווען נוגע צו קידוש השם והפכו - איז דערפאר, כאטש דאס איז געווען קשה פון מי מריבה, איז משה ניט נענש געווארן מיט אזא עונש חמור; משא"כ בא דעם חטא איז עס געווען נוגע צו קידוש השם והפכו, און דאס איז א געוואלדיקער ענין - דערפאר איז געקומען דער הארבער עונש, ווי רש"י איז מפרש[99] ("והלא הצאן ובקר ישחט קשה מזו, אלא לפי שבסתר חסך עליו הכתוב, וכאן שבמעמד כל ישראל לא חסך הכתוב מפני קידוש השם").

כז. עפ"ז איז אויך מובן דער ביאור בנוגע צו דער הנהגה פון דעם בעל הגאולה בעת מ'איז אים געקומען זאגן אז ער קען פארן קיין קאסטראמא:

די אלע חשבונות און שאלות הנ"ל אין דער הנהגה פון דעם בעל הגאולה - זיינען אלץ חשבונות און שאלות אין הלכה; דארטן האט זיך אבער גערעדט וועגן קידוש השם והפכו - זיינען די אלע חשבונות ניט נוגע, און אויף דעם (אויף קידוש השם) האט זיך דער בעל הגאולה מוסר נפש געווען:

אויב ער וואלט מסכים געווען און ארויסגעגאנגען פון מאסר על מנת צו פארן קיין קאסטראמא - וואלטן זיי דאס אויסגעטייטשט אז ער איז מסכים פארן שבת.

אפילו אויב דער בעל הגאולה וואלט געהאט א חשבון אז ער וועט זיך דערנאך משתדל זיין ניט צו פארן שבת מיט די אלע פרטי החשבונות ווי דאס איז מותר ע"פ הלכה - זיינען דאך אבער געווען צווישן זיי אזוינע וואס וואלטן געגאנגען און מפרסם געווען, אז פלוני בן פלוני האט מסכים געווען צו פארן אום שבת! זיי וואלט געזאגט, אז בשעת מ'האט אים מציע געווען ארויסגיין לחפשי - האט ער גלייך מסכים געווען כאטש ס'איז פארבונדן מיט פארן שבת! און קיינער וואלט ניט אריינגעגאנגען און זיך אינטערעסירט אין די פרטי החשבונות ווי דאס איז ניט געווען פארבונדן מיט חילול שבת.

וואס צוליב דעם ענין פון קידוש השם והפכו - האט זיך דער בעל הגאולה מוסר נפש געווען און געזאגט בפשטות אז ער וועט ניט ארויסגיין וויבאלד אז ס'איז פארבונדן מיט שבת! און צוליב דעם איז ער געבליבן זיצן אין מאסר ביז ג' תמוז און ערשט דעמולט

- ארויס -

--------

99) פרשתנו שם, יב. בהעלותך שם.

<u>הנחת התי' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

ארויס און געפארן קיין קאסטראמא.

ווי מ'זעט פון דער מעשה מיט משה און מי מריבה אויף וויפל ס'איז נוגע קידוש השם והפכו.

ויש להאריך בזה - אבער ס'איז גלייכער ניט צו רעדן וועגן משה'ן באופן זה, אפילו אז אזוי שטייט אין תורה.

כח. די הוראה דערפון איז - אויף וויפל ס'איז נוגע די עבודה פון מסירת נפש בא יעדן אידן בשעת עס קומט צו אן ענין וואס איז פארבונדן מיט קידוש השם והפכו.

און איצטער דארף זיין די עבודה פון מס"נ אויף קידוש השם ניט באופן של סכנה ווי ס'איז געווען דעמולט - נאר מסירת נפש מלשון מסירת הרצון[100], מס"נ מתוך הרחבה.

און טאן אין דעם באופן פון "חוקת", מיט קבלת עול, באופן פון "חוקה חקקתי גזירה גזרתי" און "אין לך רשות להרהר אחריי".

ביז ס'וועט זיין די הרחבה האמיתית - גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין "ענני במרחב י-ה"[101] בשלימותה, ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

כט. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אז ישיר ישראל גו'.

* * *

ל. ס'איז אויך רגיל צו אפלערנען א פסוק פון פרשת השבוע מיט פירוש רש"י און מבאר זיין וואס איז דער הכרח פון רש"י צו מפרש זיין פירושו, ווי אויך מדייק זיין אין די דיוקים בפרש"י און רעדן וואס מ'קען מבאר זיין אין דעם.

און דער ביאור דארף זיין בפשטות אין פרש"י, ניט פארלאזנדיק זיך אויף מפרשי רש"י, ר' אליהו מזרחי, גור-ארי' אדער שפתי חכמים וכיו"ב - ווייל רש"י האט געשריבן פירושו איידער זיינען געווען די אלע מפרשים!

און דאס איז קיין סתירה ניט דערצו וואס די מפרשים האבן

- געשריבן -

---------

100) תו"א מקץ לו, ב. ועוד. 101) תהלים קיח, ה.

הנחת התי' בלתי מוגה